גליון יח׳ שנה א׳

פרשת חקת - בלק
תשפ״ו

# בחור'ל

חיזוק, עצה און הדרכה פאר די ימי הבחרות

## בריוו פון דער ראש ישיבה

### שאלה: זאל איך צוריק אהיימגיין?

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם כל וויל זיך זייער באדאנקען פאר די חיזוק וואס איך באקום פונעם ראש ישיבה שליט"א, זייט איך האב אנגעטראפן די געוואלדיגע שיעורים, און אויך די ניגונים פון אמונה, האט מיין לעבן ממש אויפגעלאכטן, דער ראש ישיבה שליט"א האט ממש געטוישט מיין לעבן צום גוטן.

איך לערן אין א ישיבה אין ארץ ישראל, איך האב דארט גאנץ שטארק הנאה, פארשטייט זיך אז אזוי ווי אין יעדע פלאץ האט זיך עס אירע מעלות און חסרונות. מיין שאלה איז אויב איך זאל צוריק קומען, אבער די שאלה איז בכלל נישט אזוי פשוט.

מיינע עלטערן זענען גע'גט, מיין טאטע האט ברוך ה' נאכאמאל חתונה געהאט און ער פירט אן ערליכע לעבן, מיין מאמע איז אבער זייער געפאלן נאכ'ן גט, עס איז איר געווארן שווער צו היטן שבת פאר עטליכע סיבות, און זי האט אויפגעהערט היטן שבת רחמנא ליצלן, און יעצט האלט זי בכלל זייער ווייניג אידישקייט נעבער.

אויב מיין מאמע וועט מיר הייסן צוריק קומען, וועל איך נישט האבן קיין ברירה, ווייל האט זי אחריות אויף מיר. און דעריבער בעט איך אן עצה פונעם ראש ישיבה שליט"א מיר צו זאגן וואס צו טון.

יישר כח

### תשובה

לכבוד ... נרו יאיר,

#### ברודער שטארק זיך!

ערשטנס מוז איך דיר זאגן אז איך בין זייער איבערגענומען פון דיר ווי דו שטארקסט זיך, און אפילו עס גייט אריבער אויף דיר אזויפיל שוועריקייטן - ביסטו ווייטער שטארק אין עבודת השם, דו לערנסט, דו דאווענסט און דו דערהאלטסט זיך.

#### מען קען נישט בלייבן ערליך אן א פילטער

ביי דיין פאל, אזא מעשה וואס דו גייסט אריבער - זאלסטו ענדערש בלייבן אין ישיבה אין ארץ ישראל, ווייל ווי אזוי וועסטו זיך קענען שטארקן ביי דיין מאמע אין שטוב ווען די מצב איז אזוי? ווי אזוי וועסטו קענען זיין אין א שטוב מיט אפענע אינטערנעט אן קיין פילטער? מען קען אלעס פארלירן; ענדערש בלייב אין ישיבה. זע צו האבן גוטע חברים, חברים וואס האבן תמימות, חברים וואס מאכן נישט קיין ליצנות פון ערליכע זאכן, פון הייליגע זאכן.

דער פסוק זאגט (משלי ג, לד): "**אִם לַלֵּצִים**", אויב א מענטש דרייט זיך מיט לצים - "**הוּא יָלִיץ**", וועט ער אויך ווערן א לץ, "**וְלַעֲנָוִים**", און אז מען דרייט זיך מיט ערליכע אידן, מען חבר'ט זיך מיט גוטע חברים, חברים וואס האבן אמונת חכמים, חברים וואס דרייען זיך ביי ערליכע אידן - "**יִתֶּן חֵן**", וועט מען אויך ווערן אן ערליכער איד און געפינען חן אינעם אייבערשטנ'ס אויגן.

#### דראפע זיך און דערהאלט זיך!

נאר איין זאך, דראפע זיך און דערהאלט זיך, און אפילו עס איז דיר גאר ביטער - זאלסטו נישט אויפגעבן, נאר זיך דראפען און דערהאלטן, און גלייבן אז ביים סוף וועט דיר גוט ווערן.

דו ווייסט די מעשה מיט מוהרנ"ת, איידער ער איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן איז ער געווען ביי גרויסע צדיקים; ער איז געוועןביים הייליגן רבי ר' ברוך'ל ממעזיבוזש זכותו יגן עלינו, אויך איז ער געפארן צום הייליגן רבי ר' זושא מהאניפאלי זכותו יגן עלינו, ער איז געפארן צום צדיק הרב הקדוש רבי מרדכי מקרעמניץ זכותו יגן עלינו, צו הרב הקדוש רבי שלום מפראביטש זכותו יגן עלינו און צו הרב הקדוש רבי אברהם דוב מחמעלניק זכותו יגן עלינו; אלע צדיקים האבן אים זייער מקרב געווען, און זיך מיט אים משעשע געווען, אבער ער האט אלץ געשפירט עפעס א חסרון, ער האט געשפירט ווי עפעס פעלט אים, ביז אמאל האט ער זיך גע'חלומ'ט ווי עס שטייט א גרויסע לייטער, און ווי ער הייבט אן ארויפצוקריכן און ער פאלט אראפ, ער קריכט נאכאמאל ארויף און ער פאלט נאכאמאל צוריק, אזוי איז געווען יעדעס מאל, און יעדעס מאל וואס ער איז ארויף העכער איז ער געפאלן שטערקער, ביז ער איז שוין ארויף אלע טרעפ ביז אויבן, דעמאלט איז ער אראפגעפאלן און ער האט זיך מער נישט געקענט אויפשטעלן, פלוצלונג זעט ער א מענטש זאגט אים די ווערטער: **"דראפע דיר און האלט זיך, שטארק דיך מיט אלע דיינע כוחות"**, און שפעטער ווען ער איז אנגעקומען צום רבי'ן האט ער געזען אז דער מענטש וועם ער האט געזען אין חלום ווי ער זאגט אים: **"דראפע דיר און האלט זיך"** - איז דער הייליגער רבי.

עס וועט נישט לאנג נעמען ביז דו וועסט טרעפן א גוטע שידוך און אויפשטעלן א שיינע שטוב.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## התחזקות פון דער ראש ישיבה שליט"א

הבחור ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ווארף אוועק דיין טעלעפאן וואס מען קען אריינלייגן א נישט כשר'ע סים; האסט דאך אליין געזען וואס האט פאסירט וכו', ווי אין איין מינוט האסטו געטראסקעט אין די טיפסטע פלעצער רחמנא לצלן, איז וואס קלערסטע אפילו פון האלטן א טעלעפאן וואס מען קען אריינלייגן א נישט כשר'ע סים און דו וועסט חס וחלילה נאכאמאל קוקן עבירות רחמנא לצלן און זיך דארפן מוטשען השם ישמרינו...

ביסט געווען ביים רבי'ן אויף ראש השנה, האסט געזאגט די תיקון הכללי און זיך מתוודה געווען, וועט דיך דער רבי זיכער מתקן זיין, אבער מהיום והלאה זאלסטו מער נישט האבן קיין שום כלי וואס מען קען זען אויף דעם ניאוף רחמנא לצלן.

מאך זיך א שיעור אין גורס זיין משניות; יעדן טאג זאלסטו זאגן פרקים משניות, דאס וועט דיך ארויס נעמען פון דיין בלאטע. אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן יט): **"שֶׁאֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן"**, אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פון קדושה, ער טוט עבירות רחמנא לצלן, און ער איז שוין אראפגעפאלן אין שאול תחתית, **"אַף עַל פִּי כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה, עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"**, אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג 'כך וכך' - וועט ער סוף כל סוף ארויסגיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס, אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס. ווען רבי נתן האט געהערט דעם שיחה, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן צי תורה קען אויך העלפן אזא איינעם וואס איז אראפגעפאלן אין די עקלדיגע עבירה פון פגם הברית? האט דער רבי אים געזאגט: **"דו ווייסט ווי גרויס דער כח פון תורה איז?! תורה איז העכער פון אלעס"**; אפילו א מענטש וואס ליגט נעבעך אין די עקלדיגע עבירה ,אויב דער מענטש וועט לערנען יעדן טאג 'כך וכך' וועט ער ווערן אן ערליכער איד". א גוט שבת.

## בין כותלי הישיבה

**דער הייליגער חתם סופר זאגט: ווען משה רבינו האט געבעטן פונעם אייבערשטן "איך וויל זען דיין פנים", האט אים דער אייבערשטער געזאגט אז עס איז נישטא אזא זאך, "כי לא יראני האדם וחי" - מען קען נישט זען דעם אייבערשטן און בלייבן לעבן. אבער אזוי ווי משה רבינו האט געזאגט אז ער וויל דאך יא זען, האט דער אייבערשטער אים געזאגט: שטעל דיך אוועק דא ביים שטיין און איך וועל אריבערגיין, "וראית את אחורי ופני לא יראו" (שמות לג, כג).**

**זאגט דער הייליגער חתם סופר: א מענטש פרעגט אפט, "איך וויל פארשטיין פארוואס איך דארף אריבערגיין די דאזיגע פרשה אין מיין לעבן". דאס קען מען טאקע נישט פארשטיין בשעת מען גייט עס דורך. אבער אויף צוריק קענסטו יא קוקן, אויף צוריק קענסטו פארשטיין "וראית את אחורי" - אז א מענטש קוקט צוריק אויף זיין לעבן, זעט ער: "אה, דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן דעמאלטס... און דעמאלטס...". איך ווייס טאקע נישט וואס עס גייט זיין ווייטער, אבער איך ווייס אז דער אייבערשטער איז דא און ער וועט מיר העלפן, ווייל איך דערמאן זיך אויף צוריק די אלע חסדים פונעם אייבערשטן.**

**צו הערן די גאנצע שיעור:**

**212-444-9191 דערנאך: 1|2|1|9|2|---57'**

## קורץ און שארף

" **אֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם.**

**אמונה ווענדט זיך אין א מענטש'ס מויל.** "

(אין תפילה והתבודדות)

(ספר המידות אמונה אות י')


קול ברסלב - שיעורים | חיזוק יומי | ניגונים | שמועסן| מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191\ 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 | ענגלאנד 03303502361 | קאנאדא 4383008080 | בעלגיע 3235003461 | ארגענטינע 11552354370